בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת שמיני - החודש

שנת תשפ"ד לפ"ק

נלקט משיעוריו של
הגה"צ ר' **יהושע העשיל שארף** שליט"א
רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל

הוצאת מובחר

# לשמוע שיעורים

**בארץ ישראל**
**073.321.1792**

**בארה"ב**
**646-934-6134**

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת שמיני החודש תשפ"ד

מען געפינט זיך פרשת שמיני ויהי ביום השמיני אין ויהי אלא לשון צער, דיווארט צער איז נוטריקון צ' ער א - צ' ווען עס קומט א מצב פון צער טוהט ער זיך נישך צוטוהן מאכן פון די צער נאר ער איז זיך משתדל צו זיין בבחינת 'ער' – 'וואך' זיך צו האלטן פריש און בשמחה אין יעדע מצב, אפילו אין א מצב פון צער און עגמת נפש

די ווארט עגמת נפש האט די נוטריקון פון די ווערטער ע' גם ת' נ' פש,

ת' איז דאך די לעצטע אות צום סוף פון די אותיות פון די א' ב', קומט אוים אזוי,

א איד דארף זיך קענען מתבונן זיין ווען עס איז א מצב פון צער און עגמת נפש אז עס וועט קומען א סוף צו דעם אזוי ווי די אות נ' איז מרמז אויף בינה ווייל עס איז דא נ' שערי בינה 'פש' מיינט אז עס בלייבט איבער,

מיינט אז עס בלייבט איבער צו פארשטיין דעם ענין, אז אין א מצב פון צער און עגמת נפש דארף

מען זיך מחזק זיין אז צום סוף וועט קומען א סוף צו דעם,

עס שטייט את קשתי נתתי בענן מיין שוועריגקייט האב איך אוועקגעלייגט, געלייגט אין א זייט בענן, אזוי ווי וואלקן וואס גייט אין די זייט נאך א שטיק צייט און די זון שיינט אויף אבער עס געדארט צייט,

די זעלבע ווען עס קומט אן עגמת נפש דארף מען וויסען עס וועט אריבערגיין מען דארף פשוט ווארטן ביז עס גייט אריבער די ווארט "ווארט" וואס מיינט "ווארטן" איז ראשי תיבות ו'וען ו'ועסט א'נפאנגן ר'עדן ט'והן ו'ועסטו נ'ישט אז אין סיי וועלעכע מצב וואס מען דארף ווארטן,

אמאל אויף א באס אמאל ביי אן אפוינטמענט אמאל ביי א ישועה דארף מען זיך באשעפטיגן ביז עס גייט אריבער די צייט פון ווארטן ווייל אן זיך באשעפטיגן וועט די צייט גיין לאיבוד

און אויך קומט עס אן שווער דאס ווארטן איז די עצה זיך צו באשעפטיגן און עס ווער אריבערגיין

איז אזוי ווי דערמאנט ויהי ביום השמיני ויהי ביסט אין א מצב פון צער און ווילסט אז עס זאל ווערן א בחינה פון יום -איז די עצה - השמיני,

שמיני איז דאך בינה דארף מען פארשטיין אז ויהי - נאך אביסל וועט מען קענען זאגן -ויהי- און עס איז געוועזן

אז ב"ה עס איז שוין אריבערגעגאנגן און ווי

אויך תיקף נאכן צער זאגן 'ויהי' - וואס איז געווען איז געווען איך נעם מיך יעצט פון פריש,

די ווארט פרי"ש איז נוטריקון פ'-ישר פ' איז גבורה ואם בגבורות שמונים 'ישר' מיינט דאך 'גראד' מען דארף זיך 'גראד' האלטן פרי"ש און זיך דערפרישן און נישט ווארטן ביז מען ווערן נאכגעלאזט נאר מיט א התחדשות זיך מתלהב זיין עד שתהא שלהבת עולה מאלי'

די וואכעדיגער סדרה ווערט דערמאנט די ענין פון די חסידה שעושה חסד עם חברותי', וואס די פראבלעם אז עס איז אן עוף טמאה, סאיז דאך עושה חסד עם חברותי' און צוליב דעם הייסט זי דאך חסידה,

נאר זי איז אן עוף טמאה צוליב דעם וואס זי טוט חסד נאר מיט חברותי' און נישט מיט אנדערע א איד דארף קענען ארויסגיין פון זיין וועג און געבן א שמייכל און גריסן א צווייטן אפילו עס פאסט נישט,

מען זאגט א ווערטל אז די ווארט פאסט איז מלשון פאסטן ביי א תענית וואס דעמאלס פאניגט מען זיך א מענטש וואס עס פאסט אים נישט פייניט זיך נאר און קיין גרויסע תועלת האט ער נישט פון דעם,

נו סאיז א זמן פון התחדשות החודש הזה לכם ראש חדשים משה רביטו האט די אויבעשטער מגלה געווען כזה ראה וקדש די אויבעשטער האט אים

# קלאר געוויזן

ווען עס קומט צו החדש – התחדשות, באקומט מען סייעתא דשמיא און התגלות פון הימל אויף טריט און שריט
זאל די אויבעשטער העלפן אונז זאלן אלעמאל פארשטיין

וואס די אויבעשטער וויל פון אונז אוןז ידצ פון פריש מחדש זיין שטענדיג און מען זאל בהאי שעתא זוכה זיין צו בניסן עתידין ליגאל בב"א.